d06d471

# רעזאָלוציעס

פון

## פּלענום פון דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון אָרט־פאַרבאַנד

6-8 יאַנואַר 1934 אין פּאַריז.

1.

## אַלגעמײַנע רעזאָלוציע .

זיך באַקענט מיט די באַריכטן פֿון דער עקזעקוטיווע און פֿון די לאַנד-אָרגאַניזאַציעס פֿאַר 1933, קאָנסטאַטירט דער פּלענום פֿון דער צענטראַל-פֿאַרוואַלטונג פֿון אָרט-פֿאַרבאַנד, אָפּגעהאַלטן אין פּאַריז דעם 8-6 יאַנואַר 1934,

אַז דער עקאָנאָמישער קריזיס פֿון דער ײדישער באַפֿעלקערונג אין מזרח-אײראָפּע און די נויטן פֿון די דאָרטיקע ײדישע אויפֿבוי-אינסטיטוציעס זײַנען אין דעם לעצטן יאָר אין ערגעץ נישט קלענער געוואָרן,

אַז די ירידה-פּראָצעסן אינעם ײדישן ווירטשאַפֿטס-לעבן, וועלכע אָרט האָט באַצײַטנס דערקענט און נישט אויפֿגעהערט אָנצווײַזן אויף זײער געפֿאַר, זײַנען נישט אָפּגעשטעלט און נישט שוואַכער געוואָרן, נאָר אַנטוויקלען זיך ווײַטער מיט אַ שטאַרקן טעמפּ און

אַז די דאָזיקע לאַגע פֿאָדערט אַן אָנגעשטרענגטע און אַקטיווע אויפֿמערקזאַמקײט מצד דער ײדישער עפֿנטלעכקײט פֿון גאָר דער וועלט,

דער פּלענום געפֿינט,

אַז כּדי צו נאָרמאַליזירן די עקזיסטענץ פֿון די אָרט-אינסטיטוציעס, מוזן די פֿרײַנט פֿון דער ײדישער אויפֿבוי-אַרבעט אין יעדן לאַנד נישט אויפֿהערן צו קעמפֿן פֿאַר אַ געהעריקע פֿינאַנציעלע הילף מצד דער מלוכה און פֿון די שטאָט-פֿאַרוואַלטונגען לטובֿת די ײדישע סאָציאַלע אַנשטאַלטן.

אָנערקענענדיק מיט באַפֿרידיקונג, אַז די צילן און די אַרבעטס-מעטאָדן פֿון אָרט זײַנען אינעם לעצטן פּעריאָד באַזונדערס פּאָפּולער געוואָרן בײַ אַלע שיכטן פֿון דער ײדישער באַפֿעלקערונג, האַלט די פּלענאַרזיצונג אין דער זעלביקער צײַט פֿאַר איר דרינגענדסטן חוב צו דערקלערן,

אַז צוליב דער [illegible] פֿאַראָרימונג פֿון דער ײדישער באַפֿעלקערונג אין מזרח-אײראָפּע, איז אָן אַ ווײַטערדיקער הילף פֿון אויסלאַנד נישט מעגלעך נישט נאָר צו פֿאַרברײטערן די ײדישע אויפֿבוי-אַרבעט, ווי דאָס פֿאָדערט די ײדישע ווירקלעכקײט, נאָר אַפֿילו צו דערהאַלטן דעם קיום פֿון די פֿריִער געגרינדעטע אינסטיטוציעס.

די פּלענאַרזיצונג, אָפּגעהאַלטן מיטן אָנטײל פֿון די באַרופֿענע פֿאַרטרעטער פֿון אָרט אין פּוילן, רוסלאַנד, רומעניע, ליטע, לעטלאַנד, דײַטשלאַנד, פֿראַנקרײַך און ענגלאַנד

ווענדעט זיך דרינגענד צו אַלע פֿרײַנט פֿון דער ײדישער אויפֿבוי-אַרבעט, וואָס זעען אין אָרט און זײַן טעטיקײט אײנעם פֿון די וויכטיקסטע מיטלען פֿאַר דעם איבערבוי פֿון דעם ײדישן ווירטשאַפֿטלעכן לעבן, מיט דעם אַפּעל צו באַנײַען און פֿאַרברײטערן די הילף לטובֿת דער אַרבעט פֿון דעם אָרט-פֿאַרבאַנד אין מזרח-אײראָפּע.

.2

## הילף פֿאַר דײַטשע ייִדן.

---

### א. <u>פֿ אַ כ ב י ל ד ו נ ג</u>

1. דער פּלענום אַנערקענט די נויטיקייט

אײַנצואָרדענען אין משך פֿון 1934 בײַ די אָרט-אַנשטאַלטן אין מזרח-
אייראָפּע אויסבילדונגס-קורסן פֿאַר 1000-700 דײַטש-ייִדישע יוגנט-
ליכע, װאָס װעלן צו דעם צװעק געשיקט װערן דורך אָרט, אָפּטײלונג
דײַטשלאַנד. דער אויסקלײַב פֿון די פֿאַכן און פֿון די אַנשטאַלטן, בײַ
װעלכע די קורסן דאַרפֿן אָרגאַניזירט װערן, מוז געשען אין הסכּם
מיט דער אָרט-אָרגאַניזאַציע אין דײַטשלאַנד.

2. דער פּלענום האַלט פֿאַר געװונטשן,

אַז אין משך פֿון די נאָענטסטע חדשים זאָל אָרגאַניזירט װערן אַ װי-
זיטאַציע פֿון די קורסן, װעלכע זײַנען שוין געעפֿנט געװאָרן פֿאַר די
דײַטש-ייִדישע יוגנטליכע. דערצו זאָלן אײַנגעלאַדן װערן פֿאָרשטעער
פֿונם "צענטראַל-אויסשוס דער דײַטשען יודען פֿיר הילפֿע אונד אויפֿ-
בוי" און אויך פֿאָרשטעער פֿון אַנדערע צענטראַלע ייִדישע אָרגאַני-
זאַציעס.

3. די עקזעקוטיװע פֿון דער צענטראַלפֿאַרװאַלטונג װערט געבעטן

אויסצופֿאָרשן די מעגליכקייטן פֿאַר אָרגאַניזירן אויסבילדונגס-קורסן
בײַ די אָרט-אַנשטאַלטן אויך אין אַנדערע לענדער, ד.ה. אויסער ליטע,
לעטלאַנד און פּױלן.

4. דער פּלענום געפֿינט,

אַז ס/איז נױטיק זיך באַמיִען צו פֿאַרנעמען מיט דער פֿראַגע װעגן
אײַנאָרדענען די דײַטש-ייִדישע קורסאַנטן, װאָס װעלן ענדיקן די קורסן
פֿון אָרט. פֿאַר דעם דאַזיקן צװעק דאַרף בײַ דער עקזעקוטיװע פֿון דער
צענטראַלפֿאַרװאַלטונג געבילדעט װערן אַ צענטראַלשטעל, װאָס זאָל

א) זאַמלען אויספֿירליכע אינפֿאָרמאַציעס װעגן די מעגליכקייטן אין
די פֿאַרשײדענע אײַנװאַנדערונגס-לענדער,

ב) זאָרגן װי װײַט מעגליך פֿאַר דער אָרגאַניזירונג פֿון די עמיגרירנ-
דיקע האַנטװערקער אין קאָאָפּעראַטיװן, כּדי אויף אַזאַ אופֿן צו שאַפֿן
פֿאַר זײ אַ מער זיכערע באַזע פֿאַר זײער עקזיסטענץ.

5. דער פּלענום פֿאָדערט אויף

די אײַנצלנע לאַנד-אָרגאַניזאַציעס פֿון אָרט אין מזרח און מערב אײ-
ראָפּע צו פֿאַרנעמען זיך מיט דער בערופֿליכער אויסבילדונג פֿון די

יוגנטליכע און דערוואַקסענע פּ ל י ט י ם פֿון דײַטשלאַנד און צו דעם צוועק קומען אין קאָנטאַקט מיט די געהעריקע הילפֿס-אָרגאַני-זאַציעס.

## ב. לאַנדווירטשאַפֿט

6. אויפֿן סמך פֿון באַריכט פֿון דער אַגראָנאָמישער קאָמיטע בײַם פּאַריזער אָרט שטעלט דער פּלענום פֿעסט,

אַז מעגליכקײַטן צו באַזעצן אין דרום-מערב-פֿראַנקרײַך ניט קײן צו גרויסע גרופּעס דײַטשע ייִדן זײַנען פֿאַראַן.

די אינטערעסן פֿון דער דאָזיקער הילפֿס-אַקציע, אַ דאַנק וועלכער ס'וועלן קענען געשאַפֿן ווערן פּראָדוקטיווע עקזיסטענץ-מעגליכקײַטן - אמת, פֿאַר אַ באַגרענעצטער צאָל פֿאַמיליעס -, פֿאָדערן, אַז די דאָזיקע אויפֿגאַבע זאָל דורכגעפֿירט ווערן וואָס גיכער.

כּדי דער פּלאַן זאָל געלינגען, איז אומבאַדינגט נייטיק,

א) אַז דער פּאַריזער אָרט און די אָפּטײלונג דײַטשלאַנד זאָלן אויך אויף להבא בלײַבן אין שטענדיקן קאָנטאַקט און אַז די צוגרייטונגס-אַרבעטן זאָלן מיט דער הילף פֿון עקספּערטן געפֿירט ווערן אַזוי, אַז די באַפֿולמעכטיקטע פֿון די אינטערעסנטן זאָלן שוין אין דער נאָענטסטער צײַט קענען פּינקטלעך אויסקלײַבן דעם פּלאַץ פֿאַר דער קאָלאָניע.

ב) אײַנצושטעלן אַן ענגע פֿאַרבינדונג און צוזאַמענאַרבעט מיט די מאַסגעבליכע קרײַזן פֿונעם פֿראַנצויזישן ייִדנטום און דעם צענטראַל-אויסשוס פֿאַר הילף און אויפֿבוי,

ג) צו זיכערן די דורכפֿירונג פֿונעם פּלאַן, זיך באַוואָרענענדיק מיט דער אונטערשטיצונג מצד די אַנטשפּרעכנדיקע פֿראַנצויזישע רע-גירונגס-אינסטאַנצן,

ד) צו האָבן אין זינען אויך דעם אינטערעס צו דער לאַנדווירטשאַפֿט-ליכער אַרבעט פֿון יענע דײַטשע ייִדן, וועלכע געפֿינען זיך שוין מחוץ פֿון דײַטשלאַנד.

.3

## קאָנסטרוקטיווע הילף פֿאַר מזרח-אייראָפּע.

### פּ.ס.ס.ר.

דער פּלענום אָנערקענט,

אַז די הילפֿסאַרבעט לטובת דער דעקלאַסירטער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין די שטעטלאַך און מיטעלע שטעט פֿון סאָוועט-פֿאַרבאַנד סיי אין פֿאָרם פֿון אַרטעלן און געזעלשאַפֿטליכע וואַרשטאַטן, סיי דורך טעכנישער אויסבילדונג פֿון דער ייִדישער יוגנט פֿאַר דער מיטעלער און גרויס-אינדוסטריע, איז בײַ די איצטיקע באַדינגונגען אינעם סאָוועט-פֿאַרבאַנד, ווו דער נאָכפֿרעג אויף נישט קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער איז קלענער געוואָרן, אַ באַזונדערס דרינגענדיקע אויפֿגאַבע.

דער פּלענום רעקאָמענדירט דעריבער דער עקזעקוטיווע פֿון דער צענטראַל-פֿאַרוואַלטונג צו זאָרגן דערפֿאַר,

אַז די אָרט-פֿאַרטרעטונג אין סאָוועט-פֿאַרבאַנד זאָל באַקומען מאַטעריעלע מיטלען אויף אָנצופֿירן ווײַטער די אינדוסטריאַליזירונג-אַרבעט - סיי אין די שטעט, סיי אויף די קאָלאָניזיר-פֿאָנדן - אין אַ געהעריקן פֿאַרנעם.

### פּ ו י ל ן.

נעמענדיק אין אַכט די איצטיקע עקאָנאָמישע לאַגע פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין פּוילן, געפֿינט דער פּלענום פֿאַר דרינגענד נייטיק

צו שאַפֿן מיטלען, וואָס זאָלן געבן דעם צענטראַל-קאָמיטעט פֿון אָרט אין פּוילן די מעגליכקייט:

א) צו העלפֿן מיט קרעדיטן און אָרגאַניזאַטאָרישער באַלערונג יענע משפּחות, וואָס ווילן זיך באַזעצן אויף ערד אין פּוילן גופֿא,

ב) פֿאַר אַ ברייטערער לאַנדווירטשאַפֿטליכער אויסבילדונג פֿון יוגנטליכע, וואָס ווילן איבערגיין צו ערד-אַרבעט אין פּוילן גופֿא אָדער אין אַנדערע לענדער,

ג) צו פֿאַרשטאַרקן די אַרבעט אויפֿן געביט פֿון פּראָפֿעסיאָנעלער בילדונג דורך אָרגאַניזירן קורצטערמיניקע פֿאַך-קורסן פֿאַר די דעקלאַסירטע עלעמענטן.

## בעסאַראַביע.

בנוגע דער אַרבעט אין בעסאַראַביע געפֿינט דער פּלענום פֿאַר נייטיק:

1. פֿאַרברייטערן די נעץ פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע קורצטערמיניקע קורסן אין די גרעסערע שטעט און שטעטלעך,

2. אויספֿאָרשן די מעגליכקייטן פֿאַר אָרגאַניזירן אַזוי גערופֿענע "האַנדער-פֿאַך-קורסן",

3. ווײַטער אָנצוהאַלטן די פֿאַרבינדונג מיט דער לאַנדווירטשאַפֿטליכער קאָאָפּעראַציע און די יחידים ערד-אַרבעטער און בײַ דער ערשטער מעגליכקייט פֿאַרברייטערן די טעטיקייט אויף אָט דעם געביט.

## לעטלאַנד און ליטע.

דער פּלענום רעקאָמענדירט די אָרט-אָרגאַניזאַציעס אין ליטע און אין לעטלאַנד

אײַנצושליסן אין זייער אַרבעטס-קרייז די אויפֿגאַבע צו זאָרגן פֿאַר דער אַרײַנציאונג פֿון ייִדישע אַרבעטער אין די פֿאַבריקן אין די דאָזיקע לענדער.

דער פּלענום האַלט פֿאַר זייער געווינטשט,

אַז דער ליטווישער אָרט און ספּעציעל דער אָרט-קאָמיטעט פֿאַר מעמעלער געביט זאָל נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו צו פֿאַראינטערעסירן די ייִדישע געזעלשאַפֿטליכקייט פֿאַר אַ לאַנדווירטשאַפֿטליכער אַרבעט אין מעמעל-געביט מיט דער הילף און אונטערשטיצונג פֿון דער ליטווישער רעגירונג.

# 4. אָרגאַניזאַציע.

## אָפּטיילונג פֿאַר קאָנסטרוקטיווע קרובים-הילף.

דער פּלענום אָנערקענט די נויטיקייט

פֿון רעאָרגאַניזירן די אָפּטיילונג פֿאַר קאָנסטרוקטיווער קרובים-הילף בײַ דער צענטראַלפֿאַרוואַלטונג פֿון אָרט-פֿאַרבאַנד אין הסכּם מיט די נײַ-געשאַפֿענע באַדינגונגען אין סאָוועט-פֿאַרבאַנד און אין די הילפֿס-לענדער.

די רעגולירונג פֿון די פֿראַגן, וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט דער רע-אָרגאַניזאַציע, ווערט איבערגעגעבן אַ ספּעציעלער קאָמיסיע אין באַשטאַנד פֿון אַ פֿאַרטרעטער פֿון דער עקזעקוטיווע, פֿון דעם באַפֿולמעכטיקטן פֿון דער צפֿ פֿאַרן סאָוועט-פֿאַרבאַנד און דעם פֿאַרטרעטער פֿון דעם צ.ק. פֿון אָרט אין פּוילן.

## גרינדונג פֿון צענטראַל-קאָמיטעטן פֿאַר ליטע און לעטלאַנד.

דער פּלענום אָנערקענט די נויטיקייט

צו שאַפֿן לאַנד-צענטראַלעס פֿון אָרט אין ליטע און לעטלאַנד און באַאויפֿטראָגט די אָרט-קאָמיטעטן אין קאָוונע און אין ריגע צו נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו דורכפֿירן דעם דאָזיקן באַשלוס.

## וועגן דער קומענדיקער פּלענאַר-זיצונג.

דער פּלענום נעמט מיט דאַנק צו קענטעניש

די אײַנלאַדונג פֿונעם פּוילישן צ.ק. פֿון אָרט אָפּצוהאַלטן די קומענדיקע פּלענאַר-זיצונג אין וואַרשע און רעקאָמענדירט דער עקזעקוטיווע אויסצופֿירן דעם דאָזיקן באַשלוס אַזוי ווײַט, ווי עס וועט זײַן מעגליך.

## צענטראַלע באַריכטן פֿאַר די לאַנד-אָרגאַניזאַציעס.

די עקזעקוטיווע פֿון דער צענטראַלפֿאַרוואַלטונג ווערט געבעטן צוזושטעלן די לאַנד-אָרגאַניזאַציעס פּעריאָדישע באַריכטן וועגן דער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט פֿון אָרט אין פֿאַרשיידענע לענדער.

.5

# קאָנסטרוקטיװע הילף און עמיגראַציע.

.1

אָנערקענענדיק, אַז די הויפּט-אויפֿגאַבע פֿון אָרט איז די באַפֿעסטיקונג פֿון די װירטשאַפֿטליכע פּאָזיציעס פֿון די ייִדישע מאַסן אין די לענדער, װוּ זיי װוינען רעכענענדיק זיך אָבער, דערמיט, װאָס גרויסע טיילן פֿון אָט די מאַסן זיינען געצװוּנגען צו זוכן אַרבעטס-מעגליכקייטן דורך עמיגראַציע, - רעקאָמענדירט דער פּלענום דער עקזעקוטיװע פֿון דער צענטראַלפֿאַרװאַלטונג

זי זאָל אָפּגעבן די געהעריקע אויפֿמערקזאַמקייט סיי דער פּראָפֿעסיאָנעלער צוגרייטונג פֿון די אויסװאַנדערער, סיי פֿאַר די פּראָבלעמען פֿון דעם אינדוסטריעלן און לאַנדװירטשאַפֿטליכן אויפֿבוי אין די איינװאַנדערונגס-לענדער.

צו דעם צװעק דאַרף בײַ דער צענטראַלפֿאַרװאַלטונג געשאַפֿן װערן אַ ספּעציעלע באַראַטונגס-קאָמיסיע מיטן אָנטייל פֿון פֿאַכלײַט און עקספּערטן פֿאַר די פֿראַגן, װאָס זיינען פֿאַרבונדן מיט אָט דער אויפֿגאַבע.

.2

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער לעצטער דערקלערונג פֿון דער סאָװעט-רעגירונג (אין פּערזאָן פֿון פֿאָרזיצער פֿון קאָמזעט, פּ. סמידאָװיטש) װעגן די װירטשאַפֿטליכע מעגליכקייטן אין בירא-בידזשאַן פֿאַר ייִדישע אַרבעטס-עלעמענטן פֿון אויסלאַנד, געפֿינט דער פּלענום,

אַז די װירטשאַפֿטליכע פֿאַרהעלטעניסן אין אָט דעם איינװאַנדערונגס-געביט דאַרפֿן גענויער אויסגעפֿאָרשט װערן פֿון אַ ספּעציעלער קאָמיסיע.

די עקזעקוטיװע פֿון דער צענטראַלפֿאַרװאַלטונג װערט געבעטן צו שטעלן זיך אין פֿאַרבינדונג מיט די פֿאַראינטערעסירטע צענטראַלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס און די פֿאַרלייגן צו באַטייליקן זיך אין דער דאָזיקער קאָמיסיע.

.6

# פ י נ אַ נ צ ן

## אַלגעמיינע אַקציע פון דער צענטראַלפאַרוואַלטונג און אַלע לאַנד-אָרגאַניזאַציעס.

אונטער דעם דרוק פון דער שווערער מאַטעריעלער נויט פון די אָרט-אינסטי-
טוציעס און פון דער דרינגענדיקער באַדערפעניש צו פאַרשטאַרקן די אָרט-
אַרבעט אין די לענדער פון מזרח-אייראָפּע און אין דייטשלאַנד, באַשליסט דער
פּלענום - אין הסכם מיט אַלע לאַנד-אָרגאַניזאַציעס פון פאַרבאַנד -

אָנצוהויבן אין 1934 אַ זאַמל-אַקציע פון אָרט פאַר הונדערט טויזנט
פונט, וועלכע זאָל געפירט ווערן גלייכצייטיק אין אַמעריקע, מערב-
און מזרח-אייראָפּע. אין דער שאַפונג פון דער דאָזיקער סומע דאַרפן
זיך באַטייליקן אַלע אָרט-אָרגאַניזאַציעס אין די איינצלנע לענדער
לויט אַ קוואָטע, וואָס וועט נאָך פעסטגעשטעלט ווערן.

גלייכצייטיק רעקאָמענדירט דער פּלענום דער עקזעקוטיווע פון פאַרבאַנד

צו שיקן אַזוי גיך ווי מעגלעך אַ דעלעגאַציע קיין אַמעריקע, כּדי צו
ווירקן, אַז די הכנסות פון דאָרטן פאַר דער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט
פון אָרט זאָלן פאַרגרעסערט ווערן.

## געמיינשאַפליכע אַקציעס.

בנוגע דעם פאַראייניקטן קאָמיטעט און דער עיקר בנוגע דער געמיינזאַמער
אַקציע פון אָרט און אָזע ווערט די עקזעקוטיווע אינסטרואירט

צו באַשטיין אויף דער ענדערונג פונעם פאַרטיילונגס-שליסל, וועל-
כער זאָל אַנטשפּרעכן דעם פאַרנעם פון דער אָרט-אַרבעט און איר
באַדייטונג אין דער פּראָפּאַגאַנדע און אין דער זאַמל-טעטיקייט.

## פֿאַרטײלונג פֿון די הכנסות פֿון דער צענטראַלפֿאַרװאַלטונג.

דער פּלענום האָט,

אַז באַ דער איצטיקער פֿינאַנציעלער לאַגע פֿון פֿאַרבאַנד איז דער איינציק צװעקמעסיקער אופֿן צו פֿאַרטײלן די הכנסות פֿון דער צענ-טראַלפֿאַרװאַלטונג צװישן די לאַנד-אָרגאַניזאַציעס - די פֿאַרטײלונג לויט אַ באַשטימטן שליסל.

פֿאַר דער קומענדיקער צײַט דאַרפֿן די הכנסות פֿון דער צענטראַלפֿאַר-װאַלטונג (ניט אַרײַנגערעכנט די לאָקאַלע הכנסות פֿון די אָרגאַני-זאַציעס) פֿאַרטײלט װערן אויף פֿאָלגנדיקן אופֿן:

פֿאַר דער אַרבעט אין פּױלן - 30%, אין מאַחעט-פֿאַרבאַנד - 15%, אין רומעניע - 15% (פֿון דעם מינדעסטנס 10% פֿאַר בעסאַראַביע), פֿאַר לעטלאַנד און ליטע - 12%, פֿאַר אַ ספּעציעלן רעזערװ-פֿאָנד פֿון דער צענטראַלפֿאַרװאַלטונג - 3%, פֿאַר די הוצאות אין צוזאַ-מענהאַנג מיט די זאַמל-אַקציעס און פֿאַר דעקן די אַלטע חובֿות פֿון דער צענטראַלפֿאַרװאַלטונג און די לאַנד-צענטראַלעס - 25%.

די פֿאַרטײלונג װערט געמאַכט בנוגע די סומען, װאָס בלײַבן נאָך אָפּ-רעכענען די אָרגאַניזאַציאָנעלע הוצאות פֿון דער צענטראַלפֿאַרװאַל-טונג (קרובֿ 9000 פֿראַנק אַ חודש).

די עקזעקוטיװע פֿון דער צענטראַלפֿאַרװאַלטונג װערט געבעטן צוצו-שטעלן די לאַנד-אָרגאַניזאַציעס יעדע 3 חדשים אַ באַריכט װעגן די הכנסות פֿון דער צפֿ.